ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# קרית ברסלב בלעטל


**פרשת חיי שרה, כ"ז חשון תשפ"א לפ"ק**
**שנה ב' גליון נ"ב**


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.................4:21
מוצאי שבת.................5:51

# א מעשה פון תפלה

### יענקי יאקאבאוויטש

מיין בוילער אין מיין דירה האט זיך צעבראכן, איך בין געבליבן אן הייס וואסער, וואו שאף איך יעצט א נייע בוילער? א בוילער קאסט דאך אסאך געלט, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר שיקן א נייע בוילער, דער אייבערשטער האט געמאכט א נס א אינגערמאן קלינגט מיר אן ער איז דא ביי א הויז וואס מען ווארפט יעצט אראפ און עס איז דא צוויי נייע בוילערס אויב איך דארף איינס. שכח אייבערשטער פאר די אפענע נס!

### שלמה יאקאבאוויטש

א) איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א נייע ארבעטס פלאץ וואס וועט זיין פאסיג פאר מיר און עס זאל נישט ווייט פון מיין הויז, שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א ארבעט וואס איך דארף.

ב) מען האט געדארפט קויפן א נייע גרויסע סינק פאר די בית המדרש, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן די געלט פאר דעם עס צו קויפן, שכח אייבערשטער אז איך האב שוין צאמגעשטעלט כמעט די גאנצע געלט.

ג) פאריגע וואך דאנערשטאג בין איך אריין געפארן אין שטאט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די פאליס זאל מיך נישט אפשטעלן אויפ'ן וועג, למעשה אינמיטן וועג האט מיר א פאליס אפגעשטעלט, שכח אייבערשטער אז ער איז אוועקגעפארן אן מיר געבן א טיקעט, שכח אייבערשטער!

### הערשי שניטצלער

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען איינקויפן פאר שבת, איך בין געגאנגען אביסל הפצה און איינער האט מיר געגעבן א הונדערטער. שכח אייבערשטער!

א אנדערע וואך פאר שבת האב איך אויך געדארפט האבן געלט צו קענען איינקויפן פאר שבת, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן "באשעפער פארשעם מיך נישט, איך דארף האבן עסן פאר מיין ווייב און קינדער", נאכן בעטן דעם אייבערשטן טרעף איך א אינגערמאן, איך פרעג אים צי ער קען מיר העלפן איך זאל קענען מאכן א שבת ארדער, פרעגט ער מיר וויפיל איך דארף, האב איך אים געזאגט די סכום וואס איך דארף, ער נעמט ארויס פון טאש און ער גיט מיר פיר מאל דעם סכום וואס איך האב אים געזאגט. שכח אייבערשטער אז מען האט אזא ראש ישיבה וואס לערנט אויס אז אנשטאט בארגן פון יענעם זאל מען בעטן דעם אייבערשטן און דערנאך קען מען פרעגן יענעם צי ער קען אפשר ארויסהעלפן איך זאל האבן שבת צו מאכן!

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**ר' דוד יודא איידליס נ"י וזוגתו תחי'**

צו די חתונה פון זייער זוהן החתן
**יעקב יוחנן נ"י**
**עב"ג ר' מאיר דוד פארקאש נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## שטעטל קיאסק

מיר ווילן לאזן וויסן דעם עולם אז די שטעטל קיאסק איז אפן יעדן טאג, אויב דארפט איר וויכטיג עפעס קויפן אנליין קענט איר זיך שטענדיג אריבערכאפן צום קיאסק און איינקויפן וואס איר דארפט.

צו עפענען א אקאונט קען מען זיך מעלדן צו האברך מאטי היימליך הי"ו

**347-738-1041**

# נייעס אין שטעטל

### דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין שטעטל

פארגאנגענעם דאנערשטאג ווירא האט מען געהאט די זכיה צו האבן א קורצע אבער גאר שיינע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א.

זיצן אינגעלייט אינדערפרי פאר'ן דאווענען, איינער לערנט אליין זיינע שיעורים כסדרן, דער צווייטער זיצט מיט א חברותא און לערנט טור ושלחן ערוך, אזוי אינמיטן לערנען פלייסיג זעהט מען אז דער ראש ישיבה זיצט אויך דא אין בית המדרש און קוקט זיך פאר דעם דף גמרא, עס האט יעדן געגעבן גאר א גוטער געפיל און א חשק צו לערנען ווייטער.

גלייך ווען דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען איז ער געווארן מורא'דיג איבערגענומען פון דעם וואס אינגעלייט שטייען אויף פארטאגס און לערנען, און ער רופט זיך אן צו איינע פון די אינגעלייט: **"אזא שיינע פלאץ דא, עס איז א מקום תורה".**

נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם דף גמרא, נאכ'ן דף האט דער ראש ישיבה זיך נאכאמאל אויסגעדרוקט אז ער האט געהאט גרויס הנאה צו זעהן אז מען לערנט אינדערפרי. דא אין שטעטל איז נישטא וואס צו טוהן אויסער לערנען, ביינאכט דארף מען גיין שלאפן פרי אזוי קען מען אויפשטיין אינדערפרי אביסל רעדן צום אייבערשטן און דערנאך לערנען און דאווענען.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געגרעדט בשבח פונעם כולל אין שטעטל, ר' אייזיק אפפעל הי"ו האט געארבעט אויף די שענק אין בית המדרש קומט ער מיר זאגן **"איך האב נאך אזאנס נישט געזעהן, אינגעלייט זיצן אגאנצן טאג און לערנען פלייסיג".**

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן מיט'ן חדר באס באזוכן די תלמוד תורה און די בית פיגא שטעטל סקול, יעדע קינד וואס איז ארויפגעקומען אויפ'ן באס האט דער ראש ישיבה שליט"א שיין אויפגענומען מיט א ווארימע גוט מארגן וואס די קינדער וועלן עס זיכער געדענקען אויף א לאנגע צייט.

### באזאר אין שטעטל

גאר א שיינע באזאר איז געווארן אויפגעשטעלט אין שטעטל, זייער אסאך מענטשן קויפן פרישע קליידער ווען די אלטע האט מען נאך קוים געניצט, אדער איז דא קליידער וואס מען האט נאך בכלל נאכנישט געניצט צוליב וואס עס איז נישט די ריכטיגע סייז אדער ווייל עס איז נישט פאסיג, די אלע קליידער ברענגט מען צום באזאר און מען שטעלט עס ארויס צום פארקויפן פאר א קליינע אפצאל.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשטעלט אפאר פרויען זאלן זעהן אוועק צוווארפן אלע קליידער וואס איז נישט פאסיג ארויסצולייגן, דערנאך האט מען זיך גענומען צו די גוטע קליידער, מען האט אלעס אויסגעלייגט אין א שיינע סדר לויט די סייזעס וכדומה.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל ארויס קומען א קידוש השם פון אלע שיינע חסדים וואס קומט פאר ביי אונז אין שטעטל.

### קאמפיין צו פארענדיגן דעם בית המדרש

אין די יעצטיגע טעג נאכדעם וואס עס איז שוין אדורך ברוך השם מער פון אהאלבע יאר פון ווען מען האט זיך אריינגעצויגן אין בית המדרש, גרייט מען זיך צו גיין צום נעקסטן שטאפל.

ברוך השם אז מען האט א גרויסע לופטיגע בית המדרש אבער עס פעלט נאך אויס עס צו ענדיגן אינגאנצן אזוי ווי עס פאסט פאר א בית המדרש, דעריבער ווענדן מיר זיך יעצט צום עולם ווער עס קען ארויסהעלפן און נעמען א חלק אין דעם גרויסן אבער איינמאליגן זכות צו פארענדיגן דעם בית המדרש.

עס פעלט נאך אויס צו ענדיגן די ווענט [וואס וועט ווערן געענדיגט מיט שיינע טיילס], מען דארף פערטיגן די פאליש פון בית המדרש, מען דארף דרינגנד קויפן א זשענערעיטאר פאר'ן בית המדרש אין פאל פון א קורצשלוס, און אזוי ווייטער איז דא נאך זאכן וואס דארף געענדיגט ווערן אינעם בית המדרש.

צו נעמען א חלק קען מען זיך פארבינדן מיט האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, די גרויסע זכות פון העלפן דעם הייליגן רבינ'ס בית המדרש וועט זיכער באגלייטן אויף אייביג.

# א ברווו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

## וואס טו איך מיט מיינע קינדער וואס האלטן נישט ביים איינזיצן ביים שבת טיש?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב אנגעהויבן הערן אייערע שיעורים דעם פארגאנגענעם זומער, און דאס האט מיר זייער געטוישט צום גוטן אין אלע הינזיכטן, ווי אויך האב איך אנגעהויבן לערנען תורה יעדן טאג, איך בין מעביר סדרה, און איך זאג יעדן טאג דריי פרקים משניות, איך שפיר זיך ממש ווי א נייער מענטש.

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ אז מ'זאל דערציילן מעשיות פאר די קינדער ביים שבת טיש, איך פרוביר די לעצטע פאר וואכן צו דערציילן מעשיות ביים טיש, אבער מיינע קינדער הערן מיר בכלל נישט אויס, זיי קריגן זיך ארום די גאנצע סעודה, איז דא עפעס אן עצה אויף דעם?

יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חיי שרה, כ״א מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מיין נישט אז נאר דיינע קינדער זענען ווילד און שפרינגעדיג וכו׳, ווייל דאס איז די געזונטע נאטור פון קינדער; **געזונטע קינדער שפרינגען און קריגן זיך ביים שבת טיש** און די ארבעט פון די עלטערן איז צו פראבירן מיט אלע חכמות צו מאכן אז די סעודה זאל זיין אינטערעסאנט.

ווען מען האט עלטערע קינדער און יונגערע קינדער אינדערהיים דארף מען מאכן די סעודה אינטערעסאנט פאר ביידע, מען קען נישט פארלאנגען פון קליינע קינדער צו זיצן ביים טיש במשך די גאנצע סעודה, דעריבער איז גוט אז אנהייב סעודה זאל מען מער רעדן צו די קליינטשיגע קינדער ווי לאנג זיי האלטן נאך מיט די סעודה, און שפעטער ווען די קליינע קינדער גייען זיך שפילן זאל מען מער פארברענגען מיט די עלטערע; **מען גייט איבער די פרשה,** מען פרעגט יעדן קינד א שאלה און מען פארברייטערט דעם תירוץ מיט אינטערעסאנטע מדרשים וכו׳.

פארשטייט זיך אז מיט אלע חכמות און עצות דארף מען מאכן אסאך תפילות יעדע וואך פאר דער שבת קומט צו גיין אז מען זאל זוכה זיין צו זיין פרייליך שבת מיט די ווייב און קינדער. ווייל דער יצר הרע ציטערט זייער פונעם שבת, ער ווייסט אז שבת איז א צייט וואס דער איד קלעבט זיך צו צום אייבערשטן און **שבת בויעט דער איד זיין שטוב,** זיין ווייב און זיינע קינדער, דערפאר מאכט ער עס זאל זיין מחלוקת און אנגעצויגנקייט, אבי דער שבת זאל זיין צעשטערט. אזוי ווי דער הייליגער חיד״א זאגט אין ספר עבודת הקודש (מורה באצבע סימן ד, אות קמ) אז ערב שבת קומט דער שטן אין יעדע אידישע שטוב און מאכט עס זאל אויסברעכן א מחלוקה צווישן מאן און ווייב; **ער האט זייער מורא ווען מאן און ווייב פארטראגן זיך,** בעיקר אום שבת קודש, ווייל ווען מאן און ווייב פארטראגן זיך און לעבן צוזאמען באהבה ושלום דעמאלט האט ער נישט קיין שום שליטה אויף זיי, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות מריבה, סימן סו): ״בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן״, דארט וואו מען קריגט זיך דארט איז דער שטן; נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות שלום, סימן יח): ״הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם״; אויב מען איז בשלום וועט מען האבן ברכות; דערפאר דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זיך נישט קריגן און מען זאל זיך נישט בייזערן אויף יעדע קלייניקייט וואס פאסירט, אזוי ארום וועט מען ניצול ווערן פונעם שטן און זוכה זיין צו א פריילוכע שבת.

דער עיקר זאלסטו זען עס זאל הערשן א פריילוכע אטמאספער ביי דיר אין שטוב; אז דו וועסט זיין פרייליך וועלן אלע פראבלעמען אוועק פאלן. **קינדערווארטן א גאנצע וואך פארן הייליגן שבת,** שבת איז א צייט וואס מען פארברענגט מיט זיי מיט שמחה און מנוחה.

געדענק אז אלעס ווענדט זיך אין דעם ראש המשפחה; אז דער טאטע איז פרייליך איז אלעס גוט און אז דער טאטע איז נערוועז דעמאלט איז זייער ביטער. דער טאטע דארף נישט מאכן קיין עסק פון יעדע קלייניקייט, **נישט יעדע זאך דארף מען זען און נישט יעדע זאך דארף מען הערן;** אז דו וועסט זיין פרייליך וועלן אלע וועלן זיצן נעבן דיר און זיך פרייען מיט דיר ביי די סעודה.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**



**חידות אפטיילונג**

א) וועלכע תורה האט דער הייליגער רבי געזאגט די לעצטע מאל פאר זיין פטירה?

ב) וועלכע זאך טוסטו צו פארשפרייטן דעם הייליג'ן רבינ'ס עצות אויף די גאנצע וועלט?

ג) ווען האט מוהרא"ש זכרונו לברכה אנגעהויבן שרייבן שאלות ותשובות ברסלב?

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז נחמן עמרם שטראססער נ״י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161 אדער גיבט איבער די תירוצים פאר'ן מלמד אין חדר.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) תשע"א
ב) ביי יעדן אנדערש
ג) תש"ע


KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING
347-666-8029 יואלי לאנדא



Uper Shoes 845-662-8423
יואל וועבערמאן




347-563-0545 פנחס דויד


### בשורה טובה

עס ווערט געפלאנט אין די גאר נאנטע טעג אהערצושטעלן פון אלע חידות א שיינע מעמארי קארד געים, וואס מען וועט קענען קויפן צו אויסשארפן די ידיעות פון ברסלב'ע חסידות.

די געווינערס פון יעדע וואך וועט זייער נאמען ווערן ארויפגעלייגט אויף יענעם קארד געים.